מרדכי שעכטער

# צום ייִדיש פֿון מאָרגן

אוריאל ווײַנרײַך, *מאָדערן ענגליש-ייִדיש, ייִדיש-ענגליש ווערטערבוך*. ניו- יאָרק: ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט ייִוואָ און ביכער-פֿאַרלאַג מאַגראָ-היל, 1968, 863 זז׳.

## אַ. דער אויפֿטו

פֿאַראַן ייִדישע ווערטערביכער, וואָס זיי זענען אַרויס אין אַ גורלדיקער צײַט און זיי שפּיגלען אָפּ גורלדיקע היסטאָרישע פּראָצעסן. ליפֿשיצעס ווערטערביכער מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, האָבן אַרײַנגעפֿירט "אייראָפּע" אין אונדזער ווערטער-אוצר און אַזוי אַרום געהאָלפֿן עפֿענען אַ ברייטן גײַסטיקן האָריזאָנט פֿאַרן ייִדיש-רעדער פֿון זײַן דור. האַרקאַוויס ווערטערביכער האָבן שפּעטער אַרײַנגעבראַכט "אַמעריקע," על-כּל-פּנים די עמיגראַנטישע אַמעריקע, די איסט-סײַד מיט אירע אַמעריקאַניזמען. מיט זײַן ווערטערבוך (דאָ ווײַטער געקירצט *אוווב*), האָט אוריאל ווײַנרײַך דורכגעפֿירט פֿון איין זײַט אַ פּירפֿאַכיקע לינגוויסטישע עבֿודה -- ער האָט די ייִדישע קולטורשפּראַך דערהײַנטיקט טערמינאָלאָגיש, אוניווערסאַליזירט געאָגראַפֿיש, סטאַנדאַרדיזירט סטיליסטיש און אויסגעברייטערט דעם כראָנאָלאָגישן יסוד אירן. פֿון דער אַנדער זײַט, האָט ער דורכגעפֿירט אַ צווייענדיקע געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציע: געשאַפֿן אַ סאָלידע, פּראַקטיקע בריק צווישן ענגליש און ייִדיש, וואָס אַזאַ זגאַל בריק וואָלטן מיר מיט יאָרן צוריק אפֿילו אין חלום ניט געקענט זיך אויסמאָלן, און דערהויבן ייִדיש צו דער מדריגה פֿון אַן ערשטראַנגיקער קולטורשפּראַך אויף דער הייך פֿון דער צווייטער העלפֿט 20סטן יאָרהונדערט.

### 1. טערמינאָלאָגישע דערהײַנטיקונג

בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן און אומגעלעגנהייטן באַרימען מיר זיך מיטן עשירות און דעם ברייטן היקף פֿונעם מאָדערנעם ייִדיש. זאָל עס אונדז וויל באַקומען! צי איז דאָס אָבער דער גאַנצער אמת? כּדאַי צו לייענען אוריאל ווײַנרײַכס שיין פֿאָרמולירטן דין-וחשבון דערוועגן טאַקע אין זײַן "אַ וואָרט פֿריִער" צום ווערטערבוך:

"דאָס איצטיקע ווערטערבוך -- חוץ דעם וואָס עס עקסיסטירט שוין -- קען דורכפֿירן אַ פֿונקציע וואָס די אַנדערע, גרעסערע ווערטערביכער זענען דערצו ניט מסוגל: קאָנפֿראָנטירן ייִדיש מיט אַ צווייטער ברייט אַנטוויקלטער קולטור-שפּראַך. אַזאַ קאָנפֿראָנטירונג גיט אונדז אַ השגה פֿון דעם וואָס מיר פֿאַרמאָגן און וואָס עס פֿעלט

אונדז, זי רופֿט אונדז אַרויס צו באַלאַנסירן דעם נחת פֿון סינאָנימען-רײַכקייט אויף טייל שטחים מיט אַ דאגה וועגן דעם דערווײַליקן דוחק אויף אַנדערע שטחים.״

"די ייִדישע שפּראַך האַלט זיך אין איין באַרײַכערן, גאָר ניט אין פּראָפּאָרציע צום קאַטאַסטראָפֿאַלן אָפּקום פֿון רעדערס און שרײַבערס בעת און נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה. חידושים קומען צו פֿון פֿאַרשיידענע קוואַלן. בײַ דער צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט פֿונעם ייִדישן שפּראַך-כּלל זײַנען אָבער די פֿאַרשיידענע באַרײַכער-פּראָצעסן ניט קאָאָרדינירט. נוציקע נײַווערטער פֿון איין יחיד אָדער איין קרײַז דערגייען ניט צו אַנדערע. אַז זיי ווערן ניט פֿאַרצייכנט אין קיין געהעריק אײַנקוקבוך, זײַנען זיי ניטאָ צו דער האַנט ווען מע דאַרף זיי האָבן אַ צווייט מאָל. גאַנצע זאָרגעוודיק קאָנסטרויִרטע טערמינאָלאָגישע סיסטעמען ליגן פֿאַרגעסענע אין זעלטענע אויסגאַבעס. ס׳גייט אין ניוועץ המצאָהדיקייט אויף אומנייטיקע, אימפּראָוויזירטע דובלעטן, בשעת פֿאַרדראָסיקע בלויזן בלײַבן ניט אויסגעפֿילט.״

"כּוללדיקע אײַנשפּראַכיקע ווערטערביכער זײַנען באַרעכטיקט אָנצוטייען פֿון דעם ניט-פּלאַנירטן אָנוואַקס, צו זען אין אים אַ סימן פֿון עשירות און לעבעדיקייט. אַנטקעגן זשע פֿירט די קאָנפֿראָנטירונג מיט אַ צווייטער ליטעראַטור-שפּראַך אַרײַן אַנדערע מאָסן וואָס זײַנען פּונקט אַזוי באַרעכטיקט: מאָסן פֿון שפּאָרעוודיקייט, פֿון פּרעציזקייט, פֿון אַ קאַליברירטקייט מיט אינטערנאַציאָנאַלע באַגריפֿן-סיסטעמען. בײַ אַזעלכע מאָסן ווערן די צעוואַקסונגען און די בלויזן פֿון ייִדיש אַנדערש באַלויכטן. די שפֿע קען דעמאָלט אויסקומען ווי אַן איבעריקייט, בפֿרט כּל-זמן עס פֿעלן נייטיקייטן.״

און אוריאל ווײַנרײַך האָט זיך פֿאַרמאָסטן צוצושטעלן די נייטיקייטן, אַ דאַנק *אוווּב* וועלן מיר האָבן ייִדישע ווערטער פֿאַר הונדערטער הײַנטצײַטיקע און הײַנטצײַטיקסטע באַגריפֿן ווי anti-poverty program, urban sprawl, urban renewal, birth control, antibiotics, antibody, drug addict, appeasement policy, anti-missile missile, rocket booster, launching pad, manned flight, briefing, debriefing, wall-to-wall carpeting.

צום ערשטן מאָל, כאָטש ייִדיש-ייִדן וווינען אין קאָלומבעסעס מדינה שוין אַ קײַמא-לן פֿון שיינע עטלעכע צענדלינג יאָר וועט אַ ייִדישער זשורנאַליסט קענען אָנשרײַבן אַ רעפּאָרטאַזש פֿון אַן אַמעריקאַנער געריכטזאַל אָדער פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען אַרום אַ געזעץ-פּרויעקט און זיך קענען באַגיין אָן *אינדײַטעד*, *קאָרט אָוו אַפּילס*, *קליימס קאָרט*, *סוראָגייט* און דעסט גלײַכן ווײַזגעבונגען פֿון קאָלעקטיווער און יחידישער שפּראַכיקער אימפּאָטענס. ער וועט פֿאַרמאָגן -- אויב ער וועט האָבן געטוג באַציונג צום

לייענער, צום לשון, צו זיך אַליין -- דעם לינגוויסטישן מכשיר צו קענען אַקוראַט איבערגעבן יורידישע דעטאַלן און ניט דאַרפֿן רעדן און רעדן סתּם אַרום דער זאַך, ווי סע פֿירט זיך בײַ אונדז, בעוונותינו-הרבים. דער נײַעס-שרײַבער וועט מער ניט דאַרפֿן מרבה-דבֿרימדיק ברײַען "דאָס קינד איז אַראָפּגעפֿאַלן דאָרט ווו דער עלעווייטאָר גייט אַרויף און אַראָפּ" (אַ פּינקטלעכער ציטאַט פֿון אַ ניו-יאָרקער בלאַטצײַטונג); ער וועט קורץ און פּרעציז קענען שרײַבן "אין דער ליפֿטשאַכטע."

## 2. געאָגראַפֿישע אוניווערסאַליזירונג

די הײַנטיקע ייִדישע ליטעראַטור-שפּראַך איז כּידוע אַ פּשרה אָדער אַ סינטעז פֿון דרײַ ייִדישע דיִאַלעקטן: דעם "וואָלינער," דעם "ליטווישן," און דעם "פּוילישן." פֿאַראַן אָבער אַ שלל נוציקע ווערטער אפֿילו אין אָט די דיִאַלעקטן, וואָס די ליטעראַטור-שפּראַך (מחוץ דער בעלעטריסטיק) האָט ביז איצטער איגנאָרירט. אין *אוווב* ווערן אַ שפּאָר ביסל פֿון אָט די איגנאָרירטע, פֿאַרשטויסענע ווערטער געברענגט בבֿחינת רעקאָמענדאַציע. פֿון דער צווייטער זײַט זענען דעם כּלל-ייִדיש-ניצער ביז אַצינד געווען כּמעט אין גאַנצן אומבאַוווּסט די אינטערעסאַנטע לעקסישע ספּעציפֿישקייטן פֿון די אַנדערע דיִאַלעקטן און אונטערדיִאַלעקטן: פֿונעם רומענישן, אונגערישן, קורלענדער און מערבֿדיקן ייִדיש. *אוווב* הייבט אויף דעם שלייער, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן פֿאַרהוילן און מאַכט מעגלעך, אַז אויך זיי זאָלן אַרײַן אינעם הויפּטשטראָם פֿון דער ייִדישער שפּראַך. דער געאָגראַפֿישער יסוד פֿון כּלל-ייִדיש ווערט אַזוי־ערנאָך אויסגעברייטערט אויף צפֿון, אויף דרום, און אויף מערבֿ.

חוץ די "אַלטע פּראָווינצן" פֿון ייִדישלאַנד זענען דאָך אָבער צוגעקומען אויך נײַצײַטיקע קאָלאָניעס. דאָס נאָרמאַטיווע *אוווב* נאַרײַעט טאַקע דעם ייִדיש-ניצער אין דער פֿרײַער וועלט די שפּראַכיקע חידושים פֿון סאָוועטישן ייִדיש. אין רשות פֿונעם ייִדיש-רעדער אין די ענגליש-שפּראַכיקע לענדער ווערט געשטעלט ווערטערוואַרג פֿון ראָמאַניש-שפּראַכיקע מקומות. אַוודאי און אַוודאי זענען פֿאַרצייכנט ישׂראל-ווערטער פֿון אַ כּלל-ייִדישער ווערדע. מאַמע-לשון איז אין *אוווב* אַ וועלטשפּראַך ניט נאָר אין דער פּאָטענץ אָדער בלשון מליצה נאָר בפּועל-ממש.

## 3. כראָנאָלאָגישע אויסברייטערונג

ליפֿשיץ און האַרקאַווי האָבן אָפּגעשפּיגלט סילשון פֿון זייער צײַט און סבֿיבֿה: באַרדיטשעוו פֿון 19טן יאָרהונדערט בײַם ערשטן; נאַוואַרעדיק און ניו-יאָרק פֿון דער אַנדער העלפֿט 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט בײַם צווייטן. חוץ דער געאָגראַפֿישער אויסברייטערונג (זע דאָס פֿריִערדיקע קאַפּיטעלע) ברייטערט *אוווב* אויס אויך דעם כראָנאָלאָגישן היקף פֿון דער ייִדישער קולטורשפּראַך. דאָס ווערטערבוך ציט זײַן לעקסישע יניקה ניט בלויז פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט, נאָר אויך

פֿונעם 19טן, 18טן, 17טן און אפֿילו נאָך ווײַטער, העט ביזן טיפֿסטן אַלטייִדיש אַרײַן. אַ פּראַכטיק צעוואַקסענער דעמב מיט טיף-טיפֿע וואָרצלען

4. אָפּקלײַב און סטאַנדאַרדיזירונג

איטלעכס ווערטערבוך איז אי דעסקריפּטיוו אי נאָרמאַטיוו. ליפֿשיץ און האַרקאַווי זענען געווען בעיִקר דעסקריפּטיוו. *דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך*, *דער גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך*, און *אוווב*, ווידער, האָבן קענטיקע נאָרמאַטיווע כּוונות. דער הויפּט האָט די קאָנפֿראָנטירונג מיט ענגליש אַרויפֿגענייט אויפֿן מחבר פֿון *אוווב* אַ מאַקסימאַלע נאָרמאַטיווע אָנגעצילטקייט. פֿונעם פֿאַרפֿלייצעניש פֿון סינאָנימען און דובלעטן דווקא אויף געוויסע שטחים האָט ער געמוזט אָפּקלײַבן אַ מינימום און זיי געבן די בחירה איבער די מיטקאָנקורירנדיקע ווערטער און פֿאָרמעס. געווײנטלעך, ווו ס'איז אַ גוסטזאַך דאַרף מען זיך ריכטן אויף חילוקי-דעות -- און מחוצן פֿעלד פֿון אָרטאָגראַפֿיע און דײַטשמעריש האָט דאָך די שפּראַך-נאָרמירונג אונדזערע נאָך ניט אויסגעאַרבעט גענוג אָביעקטיווע מאָסן.(1) מיר קענען אָבער האָבן אַ טרייסט, אַז אין אוריאל ווײַנרײַכן האָבן זיך שפּראַך-חוש און שפּראַכוויסיקייט(2) פֿאַראייניקט צו אַ גאָלדענעם סינטעז, במילא איז זײַן געשמאַק ס׳בעסטע אויף וואָס מע קען זיך ריכטן, ווי לאַנג לשון איז אַ מכשיר פֿונעם אומשלמותדיקן בן-אדם און ניט פֿון דער שלמותדיקער מאַשין.

דער ניצער פֿון *אוווב* דאַרף דערבײַ כּסדר אין זינען האָבן איינעם פֿון די אינטערעסאַנטסטע אַספּעקטן פֿון אָט דעם עקסט אינטערעסאַנטן לעקסיקאָגראַפֿישן אויפֿטו. די צוויי חלקים פֿונעם ווערטערבוך זענען ניט גלײַך ניט אין כּמות, ניט אין צוגאַנג. אין ייִדיש-ענגלישן חלק, ווו דער צוגאַנג איז אַ מער דעסקריפּטיווער, זענען פֿאַרצייכנט דײַטשמעריזמען (מיט וואָרנדלעך, געווײנטלעך) און אַנגליציזמען, ווי אויך מער דובלעטן, וואָס דער ניצער פֿון ווערטערבוך געפֿינט זיי בײַם לייענען פֿאַרשידענע טעקסטן. אין ענגליש-ייִדישן חלק, ווו די נאָרמיר-כּוונה איז שטאַרקער, זענען די באַרבאַריזמען כּמעט בכלל ניטאָ און דובלעטן אַ סך ווינציקער. אינעם מער דעסקריפּטיוון טייל איז דאָ סײַ דאָס "ליטעראַרישע" *טראַטואַר*, סײַ דאָס פּשוט-פֿאָלקישע *טרעטאַר* (שלום-עליכם, דיִאַלעקטן); אינעם מער נאָרמאַטיוון טייל איז שוין דאָ בלויז *טרעטאַר*, ווײַל דאָס איז די פֿאָרמע וואָס דער מחבר האָט געוואָלט אונטערטראָגן דעם ייִדיש-לערנער.

"אַ כּלל-שפּראַך וואָס לעבט דאַרף זיך אָפּט 'לעקסיקאָגראַפֿירן' און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר פֿון די חסרונות וואָס זי דערזעט בײַ זיך אין לעקסיקאָגראַפֿישן שפּיגלבילד."( 3) אַן ערשטקלאַסיקער לינגוויסט און קענער פֿוןביידע לשונות פֿונעם ווערטערבוך, האָט אוריאל ווײַנרײַך דערזען די בלויזן און זיך אָנגעטאָן אַ כּוח זיי צו פֿאַרפֿולן. ער האָט געכאַפּט די צויטן און געפּרוווט זיי אופּצורײַסן, דערזען די פֿאַסטריגעס און זיך געפֿלײַסט זיי אַרויסצוציִען. מיט דער גבֿורה פֿון אַ לעקסיקאָגראַפֿישן הערקולעס האָט

דער בעל-ווערטערבוך געפּרוּווט אויסצורייניקן אונדזערע שפּראַכיקע אַוגיִאַס-״חדרים״. מיט דעם איינעם ווערק זײַנעם, דעם *אוווב*, איז ייִדיש פֿון אַן אייראָפּעיִש לשון פֿון סוף 30ער יאָרן מגולגל געוואָרן אין אַן אַלוועלטלעך לשון פֿון דער צווייטער העלפֿט 60ער יאָרן. אַן אויפֿטו פֿון אַן אינטעלעקטועלן גיגאַנט.

ב. סטאַנדאַרדיזירונג פֿון דיִאַלעקטישן און פּשוט-פֿאָלקישן שפּראַכוואַרג

ווען סע פֿעלט אין אַ קולטורשפּראַך אויס אַ וואָרט, דאַרף דאָס ערשטע זײַן: קערן זיך צו די דיִאַלעקטן. דאָרט, אין די טיפֿענישן פֿונעם פֿאָלקס-לשון, קען מען גרינגלעך געפֿינען דאָס, וואָס אינעם אַנעמיש לשון פֿונעם אינטעליגענט פֿון אַ גאַנץ יאָר איז עס ניטאָ. אונדזער שרײַבשפּראַך פֿעלט אַ וואָרט פֿאַרן פּאָפּולערן אַמעריקאַנער מאכל ״פּאָפּקאָרן״? דאָס בוקאַווינער ייִדיש פֿאַרמאָגט דערויף אַ וואָרט: *קאָקאָשעס* (4). סע ווײַסט זיך אַרויס, אַז דאָס ״אַמעריקאַנער״ נאַשערײַ האָט מען אויך אין איין ווינקל פֿון מזרח-אייראָפּע געגעסן. אַ וואָרט פֿאַר ״דייניש פּייסטרי״? קומט ס׳אונגערישע ייִדיש צו הילף מיט זײַן *דעלקל* און דאָס קורלענדער ייִדיש מיט זײַן *פֿײַנברויט*. ליטווישע, פּוילישע און רײסישע ייִדן האָבן ניט פֿאַרמאָגט קיין ווערטער פֿאַר ״קענטעלאָפּ״, ״עגפּלענט״, ״סקוואַש״? דרום-אוקראַיִנער און בעסאַראַבער האָבן יאָ געהאַט: *דינקע, פּאַטלעזשאַן, קאַבאַק*. אויב עמעצן איז דערעסן דאָס האַלב דײַטשמערישע *שפּריכוואָרט*, שטעלט דאָס גאַליציש ייִדיש צו אַן עכט ייִדישע פֿורעמונג: *ווערטסווערטל* (5). ווער סע מיינט, אַז ייִדיש פֿאַרמאָגט ניט קיין סינאָנים צו *מער*, האָט אַ טעות; אין פּוילישן און אוקראַיִנישן ייִדיש וועט ער געפֿינען דעם אָפּבײַט, אויב ער זוכט איינעם: *מיין*. ווי זינגט בראָדערזאָנס מיידעלע: ״כ׳וויל אַ קוש, ניט מיין.״ *אוווב* וועט העלפֿן פּאָפּולאַריזירן אָט די אַלע ביז איצט בכּתבֿ זעלטן גענוצטע ווערטער.

ויִערנאָך *אוווב* האָט אויסגעניצט דעם באַרײַכער-פּאָטענציִאַל פֿון די ייִדישע דיִאַלעקטן קען מען אָפּלערנען פֿון אַזוינע פּרוּוולעך: pout איז אָפּגעטײַטשט סײַ דורכן אוקראַיִנער-מזרח-גאַליצישן *דויען זיך* סײַ דורכן ליטווישן *מאַכן לופּעס*; splinter אי דורכן פּויליש-ייִדישן *שפּליטער* (ניט *שפּליטער*!) אי דורכן רײסיש-ייִדישן *סקאַבקע*. אַזוי געפֿינען מיר אין *אוווב* ווי סינאָנימען די דיִאַלעקטיש אַנדערשדיקע *לאַטש* און *מעשטע*; *גרויל* און *סקרוד*; *שנאַר, שראַם* און *שטראָם*; *צעקרעלן* און *צעריצן* -- פֿון דיִאַלעקטישן כּל-טובֿ.

פֿונעם אוקראַיִנישן (צום טייל אויך מזרח-גאַליצישן ייִדיש -- דירעקט פֿונעם גערעדטן לשון אָדער פֿאַרמיטלט דורך די ווערק פֿון מענדל לעפֿין-סאָטענעווער, ליפֿשיץ, שלום-עליכם, מענדעלע מוכר-ספֿרים, ביאַליק, בערגעלסאָן, דער נסתּר, מאַרקיש, האָפֿשטיין -- זענען גענומען: *אײַזנברעך*; *אָנצערן*; *אָפּצערן*; *אָפּנטלעך*; *ברעקלען זיך*; *גאָרטנוואַרג*; *דאָלענע*; *דיוואַן*; *דערראַגזענען*; *טועכץ*; *טינטערל*; *טשודנע*; *טשערע*; (האַנדלען) *לאַחדים*; *לאַקעטקע*; *מוסכּם*; *מלאָסנע*; *נאַכליִע*; *נשאר*; (שיקן נאָך אַ)

סוכּה-שער ; סטיגאָטער ; סטרי ; סליד ; סלינע ; עסיקפֿלייש ; פּאָפּעריק ; פּורים-גרעט ; פּרעזשעניצע ; פֿאַרהיקען זיך (6) ; פֿאַרשעמט ; פֿירהאַנג ; צערע ; קאָרטש ; קוידריש , ראָסלפֿלייש .

באַסאַראַבער ייִדיש איז פֿאַרטראָטן דורך : פֿינקלדיק און פֿעכלדיק, צעסאַרקע, קיליעם. ווי אויך דורך די ווערטער וואָס באַסאַראַביע האָט בשותּפֿות מיט אוקראַיִנע (טייל פֿון זיי זענען אויסגערעכנט אינעם פֿריִערדיקן פּאַראַגראַף).

פֿון דער טעריטאָריע פֿון גאַליציע, בוקאָווינע, אַלט-רומעניע, פּאָדאָליע, באַסאַראַביע - - אין איר גאַנצקייט אָדער טיילנווײַז -- וואַקסן : אייגנס 'אויף צו פֿלײַסנס' ; איינרוקן ; אָנטייען ; געשמילץ ; דומען ; וואָריקקעז , זאַרעס , המור-אייזל ; טרעסען ; ים-מולטערל ; לאָפּעטקעלע 'אַרבעססויט' ; מהדר זײַן ; מה-יעשׂהניק ; מאָטל ; מלויען ; משיִחל ; נאָזנדיק ; עמוק ; פּוילע-רוילע ; פּעסטען ; פֿאָדער(יק) ; ראַטוניק ; שאָלטיק ; שווימקעס (7) ; שטראָז .

דרום-ייִדיש זענען : אויססדרן (פּתח-סמך אינעם שורש-טייל) ; גענייטיק ; וואַרן 'מחמת' ; טאַביק, יערן זיך ; לאַנגסטיק ; סיניק (8) ; פּרווּול (9) ; צויט ; קאָוועל ; קאָץ ; קוליק ; רעם ; ווי אויך, למשל, לשון נקבֿה די שינוי ; אָדער נייטראַלער מין : דאָס/די ייִדישקייט, דאָס בעל-הביתישקייט (אין סירובֿ דעריוואַטן אויף קײַט אָבער לשון נקבֿה) ; דאָס בײַ -ות-דעריוואַטן (דאָס אַחריות).

פֿונעם טראַנסקאַרפּאַטישן ייִדיש -- אונגאַרן, סלאָוואַקײַ, קאַרפּאַטן, זימבערגן (10) : בראָסקע (זימבערגן) ; דאָס שוין דערמאָנטע דעלקל ; פֿוילעצן ; שטאָץ (פֿאַרשפּרייט אויף צפֿון טיף אין פּוילישן ייִדיש אַרײַן) ; שטאַפֿיר (אויך אין גאַליציע).

אַ ליטוואַק בן ליטוואַק, איז קיין חידוש ניט וואָס אוריִאל ווײַנרײַך האָט צום מײַנסטן געשעפּט פֿון דעם רעדעניש, וואָס ער האָט צום ערשטן דערקענט -- פֿון זײַן היימישן ווילנער ייִדיש בפֿרט און פֿונעם צפֿון-מיזרחדיקן דיִאַלעקט בכּלל. פֿון דאָרט וואַקסן : אויסהאָבן ; דער פּרעפֿיקס אויף- מיטן טײַטש 'צונויף' (אויפֿבינדן 'צונויפֿבינדן' ; אויפֿדרייען 'צונויפֿדרייען', אויפֿדרייען זיך ; אויפֿלויפֿן זיך ; אויפֿלייגן 'צונויפֿלייגן' ; אויפֿקלײַבן זיך ; אויפֿרופֿן 'צונויפֿרופֿן' ; אויפֿרעדן זיך ; אײַנמאַכן ; אײַנריכטן ; אַריבער-געוואָרפֿענע הויזן ; (שטעלן אין) ביוש ; ברויז ; געהײַ ; געוועזט ; דערונטערדיק ; טון 'פּאַס' (צום טייל אויך פּויליש-ייִדיש) ; טופּיצער ; טשוכט ; טשעכאָל ; לאַווע 'טרעטאַר' ; (אַוועקלייגן אויף די) לאָפּעטקעס ; מאכלדיק ; מאַרודיען ; מורזע ; מיטלען זיך ; מעטעליצע ; נורקע ; ניט ווערן ; נעט ; סטויפּ ; סטראָם-האַלאַווי ; סמאַהע ; עדערן ; פּאָזימקע ; פּאַלעווינעס ; פּושטשאַק ; אַ פֿולע ; פֿאַרמעגנס ; צוקלײַבן 'ראַמען' ; צערע ; קויפּ, קויקע ; שאַטײַען זיך ; שטאָרעם און צענדלינגער אַנדערע.

דערעיקרשט וואַרפֿט זיך עס אין די אויגן בײַם אָפּקלײַב צווישן גלײַכרעכטיקע דובלעטן. בהסכּם מיטן ליטוויש-ייִדישן באַניץ זענען אויך טייל רעקאָמענדאַציעס בנוגע גראַמאַטישן מין און פּראָנאָמינאַלער בייגונג ("פֿאָלגט *מיר*" און דאָס גלײַכן), דער הויפּט ווו די רעקאָמענדאַציעס זענען סותר ביזאיצטיקע אײַנגעשטעלטקייטן.
בכּלל איז אוריאל ווײַנרײַך די לעצטע יאָרן געווען אונטערן שטאַרקן רושם פֿון די ממש פּלעפֿנדיקע געפֿינסן פֿונעם ייִדישן שפּראַך- און קולטור-אַטלאַס, וואָס זײַן פֿאַרטראַכטער, אָרגאַניזירער און אָנפֿירער ער איז געווען. ער האָט אײַנגעזען ווי לויז ס'איז דאָס שײַכות פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור-שפּראַך צום גערעדטן ייִדיש און ווי ממש אַנטידיאַלעקטיש זי איז טייל מאָל. ווו ער האָט געמיינט, אַז סע לאָזט זיך נאָך עפּעס מתקן זײַן, האָט ער געפּרוווט.

פּויליש-ייִדיש -- אָדער פֿון די אוצרות פֿונעם אַטלאַס, אָדער פֿון דער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע (עטינגער, פּרץ, אַש, אָפּאָטאָשו, גלאַנץ, גלאַטשטיין, באַשעוויס, דעמבלין און אַזוי ווײַטער), אָדער פֿון דער לינגוויסטישער ליטעראַטור (בעיִקר פּרילוצקי), זענען: *איינסע, צווייע, דרײַע* -- שעה-אָנווײַזן; *אָווע-טאָווע*; *אויף ס'כּוח*; *אָן דאָס 'סײַ ווי'*; *אָפּגעניגלט*; *אַפֿער 'פֿון אונטער'*; *באָך 'טײַך'*; *בלאַזן*; *בלוינע-בלאָ*; *באַחנט* (אויך אין קורלאַנד); *באַנוי*; *געלענק 'טאַלאַנט, געשיקטקייט'*; *געביפֿט*; *דורך ס'באַנק*; *דעסבראַט*; *דעראָן*; *דערוועגן 'וועגן דעם'*; *הייט*; *הײַען*; *הימלען*; *וויאָנדזלען*; *וויִערנאָך*; *זגאַל*; *זידלען און שנידלען*; *(אַ)זיסט*; *מאָטלען*; *מיגלען, מיגל*; *מיטלשטוב*; *נום*; *ס'וואַר*; *ענדער(שט)*; *ענצל*; *עשפּער*; *פֿאַריילעצט*; *קאַטשן*; *קאַפּויערקומען*; *קאַקעצן*; *רבי-ניסל*; *ריזעדיק*; *ריינטלעך*; *שאָל 'שאָלעכץ'*; *שיקלען*; *שפּאָר 'היפּש'*, ווי אויך דער רבים *חסרונים* (פּרץ, גאָלדפֿאַדן) און טייל גראַמאַטישע דובלעטן.
אויסניצנדיק ס'פּויליש-ייִדישע *שטערצל* ווי דעם אויסגאַנגפּונקט האָט דער בעל-ווערטערבוך אגבֿ געשאַפֿן אַזוינע גראָטענע נײַווערטער ווי *צושטערצלען*, *איבערשטערצלען*, *אויפֿשטערצלער*.

אין *אוווב* האָט געפֿונען אַ מקום-מיקלט דאָס קורלענדער ייִדיש, בײַ הײַנטיקן טאָג כּמעט אַ פֿאַרטריקנטער צווײַג אויפֿן דיאַלעקטן-בוים אונדזערן: *אומפּאַס*, *טורעם מאַכן*, ווי אויך אַ צאָל ווערטער, וואָס מיר האָבן געגעבן אונטערן אייבערבאַגריף ליטוויש.

רומעניש-ייִדיש איז ניט איבעריקס שטאַרק פֿאַרטראָטן: *פּויקעלע*, *בראָסקע* (אויך אין זימבערגן, ווי שוין דערמאָנט) און עטלעכע ווערטער בשותּפֿותדיקע מיט גאַליציע, באַסאַראַביע, פּאָדאָליע.

פֿונעם צפֿון-אַמעריקאַנער ייִדיש ברענגט *אוווב* אַ היפּשע צאָל ווערטער. רעקאָמענדירט זענען ווינציקער: *אויספּרעסן זיך*, *וואָלונטירן*, *וואָלונטיר*, *טרויִזם*, *סוף-וואָך*, *פּריז*, *פֿרוסטרירונג*, *שוויצשאָפּ* און אַזוי ווײַטער. ישׂראַלישער צוקום צו כּלל-ייִדיש: *ישׂראַליש* (אָן אַ קמץ), *ישׂראַלית*; *כּנסת*, *עבֿרית* (ביידע מיט תּ'), ניט מיט

ת) : *מדינהשאַפֿט* (בנוגע אַנדערע לענדער : *מלוכהשאַפֿט*) ; *נשׂיא* ; *קיבוץ-גלויות* ; ווי אויך, געוויינטלעך, די עלטערע ווערטער : *אַגענץ* ; *חלוץ* (לויט דער אַשכּנזישער הבֿרה), *חלוצה* ; *עליה* (לויט דער ספֿרדישער -- כּדי צו דיפֿערענצירן אַקעגן דעם סינאָנים צו 'אויפֿרופֿן צו דער תּורה') ; *קבֿוּצה* (אַשכּנזישע הבֿרה) ; *קיבוץ* (ספֿרדישע -- ווידער כּדי צו דיפֿערענצירן קעגן דעם עלטערן ייִדישן דובלעט).

פֿון ראָמאַניש-שפּראַכיקע לענדער וואַקסן : *אַוויאָן*, *אַקצידענט* (11), *טראַפֿיק* (12), *עדיטאָריאַל*, *קאַלאָריפֿער* -- אַלע מיטן טראָפּ אויפֿן לעצטן טראַף. אייראָפּעיִש-ייִדיש זענען : *אַלימענטן*, *אַסיגנירן*, *אַפּאַראַטור*, *דרוקזאַך*, *פּאָרטאַטיוו*, *פּאָרטיע*, *קויציע*, *קיִאָסק* און אַ סך אַנדערע. (די סאָוויעטישע-ייִדישע עלעמענטן אין *אווווב* פֿאַרצייכענען מיר אינעם קאַפּיטעלע נעאָלאָגיזמען, ווײַטער אונטן).

אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער גאַנג פֿון *אווווב* איז דאָס דערהײַנטיקן דעם טײַטש פֿון אַ דיִאַלעקטוואָרט וואָס סע האַלט אין פֿאַרגעסן ווערן. אַזוי אַרום ווערט מעגלעך מע זאָל דאָס וואָרט ניצן אויך הײַנט אין אַ מאָדערנעם, הײַנטיקן טײַטש. *רײַטוועגעלע*, אַ שטייגער, איז אַ פּויליש-ייִדישע פֿורעמונג און איז טײַטש 'וועלאָסיפּעד'. מיר געפֿינען עס אין די ווערק פֿון : ש. בערלינסקי, י. באשעוויס, ז. דיִאַמאַנט און אַנדערע. ווײַטער ווי די בעלעטריסטיק איז דאָס וואָרט אָבער ניט אַוועק. אין דער זשורנאַליסטיק, אין לערנביכלעך איז ער ניט אַרײַן, במילא איז עס אין אַ סכּנה אַוועקצוקומען. באַנײַט עס *אווווב* ווי אַ טערמין צו באַצייכענען דאָס נײַע פֿאָרמיטל, וואָס מיר רופֿן בדרך-כּלל מיט זײַן ענגלישן נאָמען : *סקוטער*. אין תּוך אַרײַן חזרט זיך דאָ די געשיכטע איבער. דער ערשטער סעמאַנטישער איבערדרוק איז געווען פֿון *רײַטוואָגן* 'אַלטצײַטיק פֿאָרמיטל' צו *רײַטוועגעלע* 'וועלאָסיפּעד', בשעתו אַ נײַ פֿאָרמיטל. אַצינד מאָדערניזירט *אווווב* ווײַטער דעם טײַטש צו *סקוטער*, דאָס הייסט אַ נײַערער פֿאָרמיטל. אַ שפּראַך טאָר דאָך ניט שטיין אויף אַן אָרט. שפּראַכיקע פֿאַרגליווערטקייט איז אַ סימן טויט.

אָדער נעמט דאָס וואָרט *צאָגן* 'וואַשן (און קעמען) די מיידלעכס האָר (ערבֿ שבת)'. סע האַלט הײַנט אין ניט ווערן. שיקן מיר דעם לייענער אָפּ צו די זוכווערטער *צוואָג*, *צוואָגוואַסער*, *מוח-צוואָג* אין *אווווב*, כּדי צו זען ווי אַזוי דאָ ווערט אַרײַנגעבלאָזן אַ רוח-חיים אין אַן אַלט, אָפּטרעטנדיק וואָרט.

דאָס אָפּגעלאַכטע פֿאָלקסוואָרט *גזעלנשאַפֿט* ווערט אַפֿילו פֿון דער פֿאָלקשפּראַך אַרויסגעשטופּט דורכן "קאָרעקטן" (ווײַל נענטערן צו דײַטשיש) *גזעלשאַפֿט*. סע פֿעלט דאָך אָבער אויס אַ וואָרט פֿאַר *commonwealth*. האָט דר. מאַקס ווײַנרײַך - - אָנגעשפּאַרט אין *דער גזעלן* 'מיטפֿאָרער, מיטטוער' -- גענומען ניצן *גזעלנשאַפֿט* פֿאַר אָט דעם נײַעם באַגריף און *אווווב* רעקאָמענדירט עס אַלעמען.

גינגאָלדענע פּשוט-פֿאָלקישע ווערטער וואָס *אוווב* ציט אויף זיי אונדזער אויפֿמערק: *אָווירען* (נח פּרילוצקיס אַ ליבלינג); *אויספּלעטן*; *אילע* (גלאַטשטיין), *אילע מאָל*; *אירע ׳פּערזאָנען׳*; *אָנקרייטיק* (גראַדע); *ברעדיען*; *געגליכן צו*; *געווערן* (13), *געווער ׳געדויער׳ געשלידער* (14); *טראַקטיר*; *טריץ*; *לעפּיש* (שטיינבאַרג); *קעמפּע* (מענדעלע, אָפּאַטאָשו); *קרײַטיש*; *ריכטעווען* (מענדעלע); ריץ רויט: *שוואָרעם*, *שלעגיש* (פּרילוצקי, גינינגער). מיט דער הילף פֿון *אוווב* איז דאָ אַ שטיקל האָפֿענונג כאָטש, אַז די ווערטער וועלן ווידער דערלעבן אַ ברייטער גאַניצטקייט.

*אוווב* קערט זיך אָפּט מאָל דײַקע צו דער פֿאָלקספֿאָרמע, צו פֿאָלקס-עטימאָלאָגישע איבערפֿורעמונגען און איבערטײַטשונגען, וואָס דאָס פֿאַרזשורנאַליסטעוועטע לשון אונדזערס האָט אויף זיי ביטולדיק אַראָפּגעקוקט: *איבערגערעשט*; *הייבמוטער*; *טרעטאַר*; *נאָם* (ליטוויש און אוקראַיִניש); *פֿרעג*; *קלער*; *רעמאַטעס*; *רענדאַר* (אַ.ב. גאָטלאָבער, שלום-עליכם, צונזער, לינעצקי א״אַ). די אַמאָליקע מורא פֿאַר סלאַוויזמען איז שוין הײַנט אויך עובֿר-זמן, במילא ווערן רעהאַביליטירט: *פּלען*, *פּלעניק* אַז״וו.

ווער סע וויל וויסן דעם פֿאַקטישן, ראַיעלן אַרויסרעד פֿון לשון-קדוש-קאָמפּאָנענטיקע ווערטער, ניט דײַקע על-פּי העברעיִשן דיקדוק, נאָר ע״פּ דאָס היסטאָריש געוואַקסענעם ייִדישן אַרויסרעד, דאַרף אַ קוק טאָן אין *אוווב* אונטער: והראַיה, *ייִשר-כּוח*, *כּהן*, *עין-הרע אד״גל*. בכּלל זענען יודל מאַרקס ווערטער וועגן לעפּין-סאָטענעווערן מיט געוויסע באַוואָרענישן גילטיק אויך אויף אוריאל ווײַנרײַכן: ״מע קען זאָגן, אַז דער ייִראת-הכּבֿוד פֿאַרן וואָכעדיקן גערעדטן ייִדיש און פֿאַר דעם פּשוטן ריידער פֿון ייִדיש שטײַגט איבער דעם ייִראת-הכּבֿוד פֿאַרן פּסוק.״(15)

## ג. דאָס אויפֿלעבן אַרכאַיִזמען

דאָס אויפֿלעבן שוין פֿון לאַנג פֿאַרגעסענע ווערטער איז בײַ אַלע קולטורפֿעלקער אַ באַליבט מיטל פֿון שפּראַך-באַרײַכערונג. וועגן העברעיִש איז דאָך אָפּגערעדט, אָבער אַפֿילו אין ענגליש זענען פֿון לאַנג אָפּגעשטאָרבענע ווערטער אויפֿגעשטאַנען תּחית-המתים. אויך אין הײַנטיקן ייִדיש, אויב ס׳איז ניטאָ קיין וואָרט פֿאַר bailiff, איז ניט מיין ווי רעכט מחיה-מתים צו זײַן *וואָזנע*, וואָס אין 16טן יאָר הונדערט איז עס געווען אַ גייִק ייִדיש וואָרט (16). די ייִדישע שפּראַך איז דאָך מער ווי די סומע פֿון די ווערטער, וואָס דו און איך ניצן. אויך דער זיידע און דער עלטער-עלטער-זיידע האָבן אַ חלק און אַ נחלה אין מאַמע-לשון. ווערטער פֿון דער אַלטער ליטעראַטור מעג מען און דאַרף מען באַנײַען אויב זיי פֿעלן אונדז אויס.

*אוווב* פֿאַרמאָגט עטלעכע צענדלינג אויפֿגעלעבטע אַרכאַיִזמען: *אויפֿריר*; *אומטיידערל*; *אורטל* (17) און דערפֿון די דעריוואַטן *פֿאַראורטלען* און *פֿאַראורטל*; *אַכפּערן* מיט די דעריוואַטן *אַכפּערונג*, *אַכפּערקײַט*, *אַכפּערדיק*, *אַכפּערלעך*; *אַשלעך*;

באָרטן (18) באַשיידלעך; בכיר; בײַשטידל; גוואַלדגלאָק; געווינען 'האָבן (אַ קינד)'; געזעלן 'מיטפּאָרערי' (19); געפּענקעניש; געשטיין אַקעגן; האָפֿונג (באַנײַט אויך אין סוצקעווערס לידער); הויערן -- אין אַ מאָדערניזירטן טײַטש, ווי אַ טערמין פֿון פֿליערײַ; היגלענדיש (20); וואָזנע; וואָרהאַפּטיק; ווינער -- מיט אַן אײַנגעענגטן טײַטש; ווידמענען זיך; וויסיק און וויסיקײַט (21); ווענסמאַן און ווענסקליידער און דערצו נאָך אַ נעאָלאָגיזם ווענסטשעק; זענפּטיקן; טוונג; טענער (22), ישרנות (23); לאָגל; לאָקערן און דערפֿון דער לאָקער; לוגן; לעפּץ; מאָדיש; מכולה; מערן (זיך); די נידער; נײַמאָדיש; נײַערט; די ענוי, נעמען אויף דער איינוי; עקדיש; פּסלנות, פּאַרהוילן; פּאָרכט; פּאַרלענדן און דערפֿון אַ נײַוואָרט פּאַרלענדיק; פֿון ווענן (24); פּרוכפּערן זיך; פּריד; צווישנשייד; קורץ פֿון דער זאַך (25); קינצלעך (26); קעסטיקן; ראָט; רעכטפּאַרטיק; שאַלקהאַפּטיק; שאָנקייט; טפּסן.
טייל פֿון אָט די ווערטער זענען שוין גאַנץ פּאָפּולער אין דער הײַנטיקער ליטעראַטור-שפּראַך -- (נײַערט, לעפּץ, פּאַרלענדן, לאָקערן אאַז״וו -- די אַנדערע וועלן אָבער, האָפֿן מיר, פּאָפּולאַריזירט ווערן, אַ דאַנק אוווב.

## ד. נעאָלאָגיזמען

נאָר אַ טויט לשון דאַרף מיין ניט האָבן קיין נײַווערטער; סע קען דאָך מער ניט וואַקסן. אינעם באַנעם פֿון אוריאל ווײַנרײַכן, געווײַנטלעך, איז ייִדיש אַ וויטאַל, וואַקסנדיק און וואַקסעריש לשון, וואָס מע דאַרף אין אים קענען שרײַבן ניט נאָר זכרנות פֿון דער אַלטער היים און פּאַרטיי-פּאָליטישע פּאָלעמיקן, נײַערט אויך וועגן קאָסמאָס-פֿאַרשונג, וועגן פּסיכאָלאָגיע און פֿילאָסאָפֿיע. איז טאַקע אוווב אַן אמתער אוצר פֿון נעאָלאָגיזמען.

קודם דעם ״עלטער-זיידנס,״ ש. עטינגערס, חידושים: אַרײַנקום, זוכצעטל. דערנאָך די קלאַסיקערס: מענדעלעס ווײַזגעבונג; פּרצעס ערגעצלאַנד, קלינגוואָרט (פּאָפּולאַריזירט דורך ראַוויטשן) און קעמערל -- אַ וואָרט וואָס די ייִדישע שול-באַוועגונג אין מזרח אייראָפּע האָט עס בשעתו אונטערגעכאַפּט, אָבער וואָס אין דער שפּראַך-אָפּגעשטאַנענער אַמעריקע איז עס נאָך אין דער בחינה פֿון אַ נײַוואָרט. פֿון ליפֿשיצן צוו״אַ: אָפּגאָס, וואַרפֿלקע, פֿירוואָרף, פֿירגעריכט.

פֿון זשיטלאָווסקין: אויפֿמערק, אויסיינען, אייבערשאַפֿט א״אַ. פֿון טשעמערינסקין (ר׳ מרדכילע): טראַף, אַן איבערגעטײַטשט חדר-וואָרט, וואָס אין דער לינגוויסטישער און פּעדאַגאָגישער ליטערטור האָט זיך עס זייער אָנגענומען, אָבער וואָס אַ סך בעלעטריסטן איז עס צום באַדויערן נאָך עד-היום אומבאַוווּסט.

פֿון ז. קאַלמענאָוויטשן: בסודיק, זיציק, קעגענער. פֿון לייוויקן -- די הײַנט שוין זייער פּאָפּולערע אויפֿקום, אומקום. פֿון אָפּאַטאָשון: קריסטיקן. פֿון יודאַ אַ. יאָפֿען: מיטצײַטלער. פֿון יאַכינסאָנען: צײַטפֿאַרברענג. פֿון ז. רייזענען: לעפֿצונג. פֿון

פּרילוצקין: *דרײמזיצער* (פֿאָלקסוואָרט?) און *אַרויסרעד*, וואָס *דער גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך* (אונטערן זוכוואָרט *אויסשפּראַך*) פֿאַררעכנט עס על-פּי טעות פֿאַר יודל מאַרקס אַן אויפֿטו.

פֿון דר. ש. בירנבוימען: *געוויסיקער* אַרטיקל, *קעגנשטעליקײַט*, *שיסטורעמל*. פֿון גלאַנץ-לייעלעסן: *טורעמען*, *ראַקעטערײַ*. פֿון לייבוש לעהרערן: *אָפּרוף*, *אויפֿפֿיר-פֿורעם*. פֿון דר. ש. ביקלען: *צודערזאַכיק*. פֿון יעקבֿ גלאַטשטיינען: אַ *צאָל זיך-*צונויפֿהעפֿטן, *מאַמען* (ווערב). פֿון יודל מאַרקן: *גלײבעכץ*, *פֿאַרדאַרב*. פֿון אַ. סוצקעווערן: *קענט*, *ראַטעווער*. פֿון אפֿרים אויערבאַכן: *דאַנקשאַפֿט*. פֿון וואָלף יונינען: *אויפֿרײַסשפּיץ*, *זיצל*, *גולמאַט*. פֿון ב.ז. גאָלדבערגן: *שווימערײַ* 'שווימבאַסיין'. פֿון מ. קליגסבערגן: *עפּאָכעדיק*. פֿון דר. מ. שעכטערן: *אַבאַניר-געלט*, *באַנקערײַ*, *קאָסמאָסניק*. פֿון טוטשינסקיס אַ דערציילונג: *פּראַל אָפּן*.

דער גרעסטער אויפֿטוער פֿון נײַווערטער אין ייִדיש קער זײַן מאַקס ווײַנרײַך. די טערמינאָלאָגיע פֿון לינגוויסטיק, פּסיכאָלאָגיע, סאָציִאַלאָגיע אאַז״וו -- קומט ים אַ דאַנק פֿאַר הונדערטער נוציקע חידושים וואָס ער האָט מחדש געווען (27). זײַנען טאַקע אין *אוווב* אַרײַן אַ שלל נעאָלאָגיזמען מאַקס ווײַנרײַכס, בפֿרט אַז צווישן זײַנע תּלמידים און חסידים איז זײַן זון אוריאל פֿאָרט געווען דער געטרײַסטער.

סאָוועטיזמען: *באַנער*, עברידיק, *אומעברידיק*, *פּאַרטײער*, *קאָלווירט*, *רויכשלײער*, *רעדקאָלעגיע*, *שלאָגלער*. נעאָלאָגיזמען און אינטערנאַציאָנאַליזמען פֿון דער ייִדישע פּרעסע זענען: *אָנפֿלי* (ראַטן-פֿאַרבאַנד און פּוילן); *ווערטער-נבֿיא*; *לבֿנהלע*; *מאַרינער* (28); *נאַרקאָמאַן*; *עסקאַלירונג* (29); *קאַמפּאַניעווען*; *שטערן-פֿליִער*; *שפּיצן-קאָנפֿערענץ* -- אַ וואָרט וואָס סע האָט זיך אָנגענומען אין אַלע ייִשובֿים (30) ניט געקוקט אויף מאַרקס פּרווו עס אָפּצופֿרעגן.

פֿון דער טערמינאָלאָגיע וואָס די ייִדישע שול-באַוועגונג אין פּוילן, ראַטן-פֿאַרבאַנד, ליטע און לעטלאַנד האָבן אײַנגעשטעלט פֿאַר פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטן: *באַשטויבונג*, *בלומענשטויב*, *שטויבפֿאָדעם*, *בעכערבלעטל*; *שליערל*, *גולמל*, *קאָפּעקל*, *רויטהעלדזל*; *מכשיר* (אין ייִדיש ביז יעמאָלט בלויז בלשון רבים: *מכשירים*); *בײַטײַך*; *וויפֿלער*, *טײלער*, *קײפֿלער*, *פֿונצענטריש*, *צומצענטריש*.

פֿונקט ווי אַלע ייִדישע לינגוויסטן, האָט אוריאל ווײַנרײַך געהאַלטן אַ וועלט פֿון פֿונעם ערשטקלאַסיקן ווערטערביכל וואָס בײַם סוף פֿון שלמה בירנבוימס ערשטקלאַסיקער גראַמאַטיק; האָט ער איטלעכס וואָרט און איטלעכן טײַטש פֿון דאָרט אַריבערגעפֿירט אין *אוווב*. דאָס אייגענע -- מיטן שפּראַכוואַרג וואָס אין בירנבוימס אָרטאָגראַפֿישן ווערטערביכל (31). עמערווײַז האָט אוריאל ווײַנרײַך געשעפּט דעם אַלטן גוטן ווײַן וואָס אין ליפֿשיצעס ווערטערביכער. אַזוי אויך פֿון האַרקאַווין און פֿונעם *אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך*. ער האָט נהנה געווען פֿון דער יורידישער טערמינאָלאָגיע וואָס זי

האָט זיך בשעתו אײַנגעשטעלט אין ראַטן-פֿאַרבאַנד (32); אין די טעג ווען מאַמע-לשון איז דאָרט געווען בבֿחינת מלוכה-שפּראַך. פֿון דאָרט האָט ער למשל באַצויגן *תּובֿע*, *ניתּבֿע* און אַנדערע גוטע ווערטער. זייער געוואָרנט און געוויסנדיק האָט ער אויסגעשטימט זײַנע פֿירלייגן מיט די טערמינאָלאָגישע מאַטעריאַלן וואָס דער שרײַבער פֿון די שורות האָט אָנגעקליבן אויפֿן פֿעלד פֿון יוריספּרודענץ, קאָסמאָס-פֿאָרשונג, טראַנספּאָרטאַציע, מלחמה-פֿירונג, נאַטור-וויסנשאַפֿט אאַז״וו.

אויך אויפֿטוען פֿון סתּם ייִדן זענען חשובֿ. אַ לייענער פֿונעם זשורנאַל *ייִדיש פֿאַר אַלע* האָט, ווי אַ פֿאַרבײַט פֿאַרן פֿאָלאָניזם *עלעקטראָווניע*, געהאַט פֿירגעלייגט *עלעקטרײַ* (33), אַ וואָרט וואָס סע פּאַסט זיך גוט אַרײַן אין דער סעריע *בעקערײַ*, *גאַרבערײַ* אאַז״וו, האָט אוריאל ווײַנרײַך עס ענטוזיִאַסטיש אַרײַנגענומען אין *אווו״ב* ווי אַ סינאָנים צו *עלעקטרישע קראַפּטסטאַנציע*.

זעלטן צו געפֿינען עמעצן וואָס האָט אַזוי געהאַלטן פֿון מכּל מלמדי השׂכּלתּי, ווי דער מחבר פֿון דעם ווערטערבוך. ער האָט נהנה געווען פֿונעם לשון פֿון די אַמאָליקע ווילנער קינדער און פֿון די הײַנטיקע ניו-יאָרקער קינדער -- זײַנע אייגענע און זײַנע חבֿרים: *סם-בלעטלעך*, *פֿינגערשיך*. פֿון חבֿרה יוגנטרופֿיסטן, ווידער, האָט ער גענאַשט *זינגערײַ* -- אַ מאָנטרעאָלער נעאָלאָגיזם.

די ייִדישע שפּראַך פֿאַרמאָגט אַ גוזמא סובסטאַנטיוון אויף *-עכץ*, וואָס באַצייכענען אַ סובסטאַנץ: *זעגעכץ*, *שמירעכץ*. ס'איז גענוג אַ קוק צו טאָן בײַ ליפֿשיצן -- הונדערטער דעריוואַטן אויף *-עכץ*, איז ווען *אווו״ב* האָט געדאַרפֿט פֿאַרטײַטשן additive, lotion, repellant, rinse, sedative, seepage, solder, spray, stimulant, suntan lotion, sweepings, tranquilizer האָט מען אויסגעניצט אָט דעם מישקל און סע האָבן זיך באַקומען: *צוגעבעכץ*, *אײַנרײַבעכץ*, *אָפּטרײַבעכץ*, *שווענקעכץ*, *אײַנשטילעכץ*, *רינעכץ*, *לייטעכץ*, *שפּריצעכץ*, *מינטערעכץ*, *זונשמירעכץ*, *קערעכץ*, *באַרועכץ*.

די שפּע אין נעאָלאָגיזמען -- אַ רעזולטאַט, ווי דערמאָנט, פֿון דער קאָנפֿראָנטירונג מיט אַן אַנדער קולטורשפּראַך -- קען מען זען פֿון די סובסטאַנטיוון אויף *-וואַרג*: *אויפֿרײַסוואַרג*, *אַרויסוואַרג*, *אַרײַנוואַרג*, *ביוראָוואַרג*, *הייצוואַרג* (אַ סאָוועטישער נעאָלאָגיזם), *זאָקנוואַרג*, *טעפּוואַרג*, *טראַנספּאָרטוואַרג*, *כּוסוואַרג*, *כעמישוואַרג*, *לויגוואַרג*, *ליימוואַרג*, *מעסערוואַרג*, *פֿליִערוואַרג*, *פֿליוואַרג*, *שרײַבוואַרג*, וווּ איטלעכס נײַוואָרט איז דער נייטיקער עקוויוואַלענט פֿון אַ וויכטיק ענגליש וואָרט.

אוריאל ווײַנרײַך האָט האָלט געהאַט דימינוטיוון און מיט רעכט געזען אין זיי אַן אומאויסשעפּלעכן מקור פֿאַר דער באַרײַכערונג פֿון ייִדיש. געפֿינען מיר בײַ אים אַ פֿולע סובסטאַנטיווישע פֿאַרקלענערונגען סײַ לאַנגאָניקע סײַ נײַע: *אויסהענגל*, *ברײַזל* (דיפֿערענצירט אַקעגן *ברויז*), *בלײַבל*, *היכלע*, *טייעלע*, ווי אויך דימינוטיוו-

איטעראַטיווע ווערב- און אַדיעקטיוו-פֿורעמונגען: *ברומלען*, *געפּניאַקלט*, *נעצלען*, *קנאַקלען*, *שמועסלען*, *שפּרינגלען*, *שפּריצלען*. כּדי אָפּצושאַצן ווי ס׳קער צו זײַן אָט די נעאָלאָגיזמען דאַרף מען זיי זען בײַנאַנד מיט זייערע ענגלישע אַקעגענערס -- זיי פֿאַרפֿילן בפֿירושע בלויזן.

אויך דער סופֿיקס -*(ער)איַי* איז זייער אַ פּראָדוקטיווער, פֿאַראַן צענדלינגער ייִדישע סובסטאַנטיוון פֿון דעם טיפּ. במילא לאָזט זיך גרינג שאַפֿן נײַע דעריוואַטן: *וווּרשטערײַ*, *יאָגערײַ*, *נאָרטלערײַ*, *סעקרעטערײַ*, *רעדערײַ*. כּדאַי צו פֿאַרצייכענען איז דערבײַ, אַז נח פּרילוצקי האָט בשעתו פֿירגעלייגט פֿאַר דער כּלל-שפּראַך די דרום-ייִדישע דיפֿערענצירונג: פֿעמינין -- דער לאָקאַל (*די* בעקערײַ, *די* גאַרבערײַ); נייטראַל -- די טווּנג, דער פֿאַך (*דאָס* בעקערײַ, *דאָס* גאַרבערײַ). אויך יודל מאַרק האָט שפּעטער רעקאָמענדירט די סיסטעם. אין *אוווּב* איז זי דורכגעפֿירט בשלמות: *דאָס ראַקעטערײַ* איז די טעכניק; *די ראַקעטערײַ* -- דאָס אָרט וווּ מע לאַנצירט די ראַקעטן. *דאָס שיפֿבויערײַ* איז די מלאכה, די אינדוסטריע; *די שיפֿבויערײַ* -- דאָס פּלאַץ וווּ שיפֿן ווערן געבויט *דאָס שיסערײַ* איז די אַקציע; *די שיסערײַ* -- דאָס פֿעלד וווּ מע פּראַקטיצירט דאָס שיסן. *דאָס שווימערײַ* -- די אַקציע, דער ספּאָרט; *די שווימערײַ* -- דער שווימבאַסיין.

*לאַקיר* איז אַ וואָרט ניט פֿון הײַנט. פֿאַראַן שוין בײַ ליפֿשיצן, אין *אוווּב* געפֿינען מיר אָבער אויך אַנדערע סובסטאַנטיוון פֿון דעם טיפּ: *דער איזאָליר*, *דער לאַנציר*, *דער פּלאַציר*, *דער ראַטיר*. *-יר* איז אַזוי ערנאָך געוואָרן אַ פּראָדוקטיווער כּמו סופֿיקס (אין דער אמתן זײַנען די אויסגערעכנטע סובסטאַנטיוון שטאַם-פֿורעמונגען אָן אַ סופֿיקס). אין *דער לאָמבאַרדיר* איז דער אויסלאָז *-יר* טאַקע אין דער בחינה פֿון אַן אמתן סופֿיקס.

דער סופֿיקס -*עריש* איז דיר אויך ניט קיין פּוסטעפּאַסניק, פֿון ים קען מען אויך האָבן אַ נוץ בײַם באַרײַכערן די שפּראַך, דאָרט וווּ באַרײַכערונג איז נייטיק. ייִדן זענען דאָך בטבֿע ניט קיין פֿאָלק פֿון שיסערס, יעגערס, זעלנערס, איז פֿון וואַנעט זאָלן מיר האָבן אַ וואָרט פֿאַר trigger-happy? דאַרפֿן דאַרף מען אָבער אַזאַ וואָרט לכּל-הדעות, איז טאַקע *שימעריש* אַ גאָלדענע המצאה. אַ וואָרט, ווידער, ווי *אײַנזעעריש* איז קירצער און האַנטיקער פֿון *אַ מענטש מיט אײַנזעעניש*, ווי מע וואָלט בדרך-כּלל געזאָגט. אַזוי אויך *פֿרעגעריש* א״אַ.

ס׳איז קלאָר דער סך-הכּל: *אוווּב* גייט ניט דעם אויסגעטראָטענעם -- צעפֿאָרענעם -- וועג פֿון נעמען פֿון דײַטשיש צי ענגליש, שטאָטס צו שאַפֿן אייגנס, ייִדישס. ס׳איז דאָך ניט אין כּבֿוד פֿון אַ לשון עקרהדיק צו נעמען פֿון דער פֿרעמד אילע מאָל, ווען מע דאַרף עפּעס נײַס. און אוריִאל ווײַנרײַך האָט ניט נאָר ליב געהאַט, נאָר אויך אָפּשײַ געהאַט פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך.

ה. אָפּקלײַב און דיפֿערענצירונג

אַ פּראָבלעם פֿאַר זיך איז דער ענין אָפּקלײַב. 23 ווערטער פֿאַר space האָט דער שרײַבער פֿון די שורות אַרויסגעשריבן פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין פֿאַרשיידענע ייִשובֿים (34). דאָס איז ניט קיין עשירות, נאָר אַ סימן דלות, ניט-נאָרמירטקייט, ניט-אײַנגעשטעלטקייט, ניט-אָנגענומענקייט. טייל פֿון אָט די 23 פֿורעמונגען זענען טאַקע גראָטעסקע, אַנדערע זענען אָבער ניט-דורכגעטראַכטע גיכשאַפֿונגען, עפּעמעריזמען. דאַרף מען אויסטיילן די גוטע און נייטיקע סינאָנימען און זיי סטאַנדאַרדיזירן. אויב מע נעמט די עובֿדה ערנצט (ווי אַנדערש?) איז דאָס אַן אַחריותדיקע אַרבעט. *אוווב* האָט זיך דערמיט געספּראַוועט בשלמות.

אַ צווייטער פֿאַל. דאָס געוויקס, וואָס אין דער ליטעראַטור געפֿינען מיר פֿאַר אים לכל-הפּחות 10 נעמען און פֿאָרמעס -- *פּרימל, פּרימול, פּרימולע, פּרימולקע, ערשטלינג, פּריבלום, פּרילינג-גרײַפּעלעך, משוגענע גרײַפּעלעך, שליסלבלום, שליסעלעך* . דעם וואָס לערנט זיך ייִדיש איז איין אָדער צוויי סינאָנימען די-והותר. די אַנדערע סינאָנימען און דובלעטן דאַרפֿן בלײַבן פֿאַרן שפּראַכפֿאָרשער מערניט.

פֿאַראַן אַן אַנדער בלימל, וואָס כ'האָב אין פֿאַרשיידענע מקורים פֿאַר אים אָנגעציילט 12 סינאָנימען און דובלעטן (אַבי מע זאָגט, אַז מיר האָבן ניט קיין נעמען פֿאַר קוויטן): *לופּטל, לופּטשיקל, אַדוואַנטשיק, בלעזערל, בלאָזבלימעלע, פּוכבלום, פּוכקעפּל, לײַבנצאָן, מענער-טרײַהייט, פֿרויען-טרײַהייט, קובלום* און סע קערן זײַן נאָך. אַ סעלעקטיוו ווערטערבוך האָט דאָ געמוזט אָפּקלײַבן.

נאָכן אָפּקלײַבן בלײַבט אָבער ניט-אויסגעניצט שפּראַכוואַרג, וואָס סע וועט פֿאַרגעסן ווערן, אויב מע וועט עס אין אַ ווערטערבוך ניט פֿאַרצייכענען און אַזוי אַרום עס מאַכן צוטריטלעך פֿאַר אַנדערע ניצערס. אין טייל פֿאַלן וועט דערפֿון קיין לאָך אין הימל ניט ווערן. אין אַנדערע פֿאַלן איז טאַקע אַ שאָד. אָבער ס'איז פֿאָרט ניטאָ קיין עצה. אַן אַנדערט מאָל, אַקעגן זשע, קומט דאָס "פֿאַרשטויסענע" שפּראַכוואַרג זייער צו ניץ בײַם אויספֿילן פֿאַראַנענע בלויזן. אויב דאָס אוקראַיִניש- און ליטוויש-ייִדישע *קוסט* ווערט סטאַנדאַרדיזירט ווי דער אָפּטײַטש פֿאַר bush, בלײַבט דאָך דאָס פּויליש-ייִדישע *קשאַק* אויף גאָטס באַראַט. אָבער ניין, מע קען עס נעמען צו הילף כּדי דורכצופֿירן אַ נייטיקע דיפֿערענצירונג: *קשאַק* ווערט דער טערמין פֿאַר shrub .

די דובלעטן *געוויקס* (פּרץ) און *געוועקס* (ליפֿשיץ, מענדעלע, פּרילוצקי) האָבן אַ. גאָלאָמב און ז. קאַלמענאָוויטש דיפֿערענצירט נאָך אין 1918 (35). *אוווב* האָט אָט די דיפֿערענצירונג אויפֿגעהיט. אין דער קאָנקורענץ, ווידער, צווישן דוד איינהאָרנס *פֿאַרזיכדיק* און אַ. גאָלאָמבס *פֿאַרזיכיק* פֿאַר "זעלבשטענדיק" האָט *אוווב* אָנגענומען ס'ערשטע, אָבער דאָס אַנדערע (אַקצענטירט אויף זיך) -- איבערגעטײַטשט ווי אַ סינאָנים צו "אייגננוציק."

אַנדערע נייטיקע און גרעאָטענע דיפֿערענצירונגען: *נוציק* און *ניצלעך*; *אַרבעטער* און *אַרבעטאָרער*; *אויסגראָבונג* און *אויסגראָב*; *אויסשטעלונג* און *אויסשטעל*; *מומלען* (שלום-עליכם, פֿאָלקשפּראַך) און *מורמלען* (פּאָעזיע און צײַטונגשפּראַך); *ראַטעווער* און *ראַטירער*; *טרעסען* און *טרייסלען*; *גזעלשאַפֿט* און *געזעלנשאַפֿט*; *ברודערשאַפֿט* און *ברידערשאַפֿט*; *אָנהייבער* און *אָנפֿאַנגער* (די לעצטע צוויי דיפֿערענציר-פֿירלייגן זענען, ווײַזט אויס, יודל מאַרקס) א״אַ.

אויף דער נפֿקא-מינה צווישן *דאָס* און *די* בעקערײַ, *דאָס* און *די* שיפֿבויערײַ און אַזוי ווײַטער האָבן מיר שוין אָנגעוויזן. *אווווב* היט אויף אויך דעם חילוק צווישן *דער* קריג 'מלחמה' און *די* קריג 'קריגערײַ'; *דער* דרוק 'דריקונג' -- *די* דרוק 'דרוקערײַ'; *דער* פּרווו 'דאָס פּרוּוון' -- *די* פּרוּוו 'אויספּרוּוו'; *דאָס* וויסנשאַפֿט 'ידע' -- *די* וויסנשאַפֿט 'מדע'.

״נויט ברעכט אײַזן״ זאָגט די וועלט אַ ווערטל. די באַרײַכער- און דיפֿערענציר-נויט פֿאָדערט טייל מאָל, אַז מע זאָל ברעכן אויך אַזאַן ״אײַזערנעם״ פּרינציפּ ווי דעם אוטראַקוויסטישן. האָט *אווווב* טאַקע בײַנאַנד מיט דער טראַדיציאָנאַלער שרײַבונג *שול* פֿאַר 'בית-תּפֿילה' אַקצעפּטירט די אין אַרגענטינע אויפֿגעקומענע און לעצטנס אויך אין ישראל פֿאַרשפּרייטע שרײַבונג *שיל*, וואָס זי שפּיגלט אָפּ דעם דרום-ייִדישן אַרויסרעד פֿונעם שייכדיקן וואָרט. אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ קלאָרע, שׂכלדיקע און שוין פֿון לאַנג נייטיק דיפֿערענציר-מיגלעכקייט *שול* 'בית-הספֿר' -- *שיל* 'בית תּפֿילה'.

אַן אַנדער פֿאַל פֿון ״נויט ברעכט אײַזן״ איז די דיפֿערענצירונג צווישן *שטורעם* און *שטאָרעם*. פּונקט ווי למשל *דורך*, *חורבן* [כורבם] ווערן אין צענטראַל-ייִדיש אַרויסגערעדט dorekh, khorbn אַזוי ווערט אויך *שטורעם* אויף אַ טייל פֿון יענער טעריטאָריע אַרויסגערעדט shtorem, אַ בפֿירושע שרײַבונג *שטאָרעם* געפֿינען מיר בײַ נפֿתּלי גראָס, פֿאַניע גלאַנץ (36) און אַנדערע. *אווווב* האָט אָט דעם דורכבראָך פֿונעם איבערדיאַלעקטישן פּרינציפּ סטאַנדאַרדיזירט און פֿאַר איינס דורכגעפֿירט אַ סעמאַנטישן איבעררוק לשם דיפֿערענצירונג: storm איז טאַקע שטורעם, אָבער gale איז *שטאָרעם* אָדער *ים-שטאָרעם*. מיט אַ כּיוון דורכגעפֿירטע דיפֿערענצירונגען פֿון דיאַלעקטיש אַנדערשדיקן שפּראַכוואַרג געפֿינען מיר בײַ אַנדערע קולטורשפּראַכן אויכעט (פֿאַרגלײַך der See, die See, וואָס וואַקסן פֿון פֿאַרשיידענע דײַטשישע דיאַלעקטן). ייִדיש דאַרף ניט אָפּשטיין פֿונעם כּלל אַנטוויקלטע שפּראַכן באשר-בחן בײַ אונדז ציטערט מען פֿאַר שפּראַכיקע חידושים -- נעאָלאָגיזמען, דיאַלעקטיזמען, אַרכאַיזמען -- אַלץ איינעם נאָמען פֿונעם אינטעלעקטועל פֿאַרגליווערטן און לינגוויסטיש סטערילן פּרינציפּ ״איך האָב עס קיין מאָל ניט געהערט.״

## וו. אויסלאָז

סײַ אין זײַן לערנבוך *קאַלעדזש-ייִדיש*, וואָס גייט שוין אַרויס אין אַ פֿינפֿטער אויפֿלאַגע, סײַ אין *אוווב* -- ס'איז שוין אַרויס די צווייטע אויפֿלאַגע -- האָט אוריאל ווײַנרײַך ניט געוואָלט "אַראָפּלאָזן פֿונעם פּרײַז" פֿון בעסטער קוואַליטעט אַפֿילו קיין פּרוטה ניט. אים איז געווען אָרגאַניש פֿרעמד דער סקאַרבאָווער נוסח פֿון קליאַטשעדיקער פּאָפּולאַריזאַציע. ווי אַלע זײַנע ווערק, רופֿט אויך דאָס ווערטערבוך צו זיך אַרויס דעם גרעסטן דרך-ארץ, טאַקע צוליבן העכסטן ניוואָ. גאָר נתפּעל זענען די קענערס פֿון ביידע לשונות פֿון *אוווב* וואָרן אין לעצטן סך-הכּל קענען נאָר זיי באמת אָפּשאַצן דעם אומפֿאַרגלײַכלעכן דערגרייך פֿון אָט דעם ווערטערבוך. ס'איז גרײַלעך כּדאַי צו ציטירן איינעם פֿון די פֿאַרשעמטסטע שפּראַכלערס בײַ הײַנטיקן טאָג -- דר. ראָמאַן יאַקאָבסאָן, פּראָפֿעסאָר פֿון סלאַווישע שפּראַכן אין האַרוואַרד-אוניווערסיטעט, וואָס האָט אויך אַ חלק אין ייִדיש-פֿאָרשונג (37):
"

ווי אַ לינגוויסט וויל איך פֿעסטשטעלן אַז אוריאל ווײַנרײַכס ווערטערבוך איז באמת אַ גרויס געשעעניש אין דער שפּראַך-וויסנשאַפֿט. אַ דאַנק אוריאל ווײַנרײַכס זעלטענע מעטאָדאָלאָגישע פֿעיִקייטן, זײַן אומגעווייִנטלעכער געלערנטקייט, זײַן מערקווערדיקן אַרײַנבליק אין דער לעקסיקאָלאָגישער און גראַמאַטישער סטרוקטור פֿון שפּראַך -- איז דאָס ווערק וואָס ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט, נישט בלויז דאָס אומפֿאַרגלײַכלעך בעסטע ווערטערבוך פֿון ייִדיש, נאָר אויך איינס פֿון די מאָדערנסטע און וויסנשאַפֿטלעך-אויסגעהאַלטנסטע ווערטערביכער בכלל.... זײַן ווערטערבוך איז נישט בלויז אַ העכסט ווערטפֿול געצײַג פֿאַר אינטענסיוו שטודירן די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור נאָר.... גאָר באַזונדער פֿאַר אַלגעמיינער לעקסיקאָלאָגיע."

צי וועט דעם ווערטערבוך געראָטן אויך למעשׂה צו דערהויבן מאַמע-לשון צו די העכסטע הייכן, וואָס אַ קולטורשפּראַך קען דערגרייכן? בײַ אונדז אין ייִדישלאַנד נעמען זיך דאָך נעאָלאָגיזמען שווער אָן. אונדז פֿעלן די צנורות וואָס בײַ לײַטן: אוניווערסיטעטן, פֿולע טאָגשולן, אַ פּרעסע וואָס לייגט וואָג אויף לשון, אַ טעאַטער אויף אַ ניוואָ. פֿון דעסטוועגן, עטלעכע חדשים נאָכן אַרויסגיין פֿון *אוווב*, זעט זיך שוין זײַן כּוחדיקע השפּעה. אין משך פֿון איינע פֿיר וואָכן איז דעם שרײַבער פֿון די שורות אויסגעקומען זי אָנצושטויסן אין נײַווערטער פֿון *אוווב* בײַ: דר. מ. אַסטור אין *אויפֿן שוועל* (*האָרהאָריק*), איטשע גאָלדבערג אין *ייִדישע קולטור* (*צוריקשלאָג*, *שײַכותדיקײַט*, אין *אוווב -- קריקשלאָג*). וואָלף יונין אין *טאָג-מאָרגן-זשורנאַל* (טערמינען פֿון קאָסמאָס-פֿאָרשונג און ראַקעטעריי); ישעיה מאַלאָוו אין *יוגנטרוף* (*דערהײַנטיקן*); דר. אליהו שולמאַן אין *וועקער* (*קריגשלאָג*); דר. מ. ווײַנרײַך און אַנדערע.

אַ מכריעדיקער פֿאַקט: אַ צאָל מענטשן -- ס'רובֿ פֿון ייִנגערן דור -- לייענען דאָס ווערטערבוך זײַטלעכווײַז, מיט אַן אינטערעס ווי סע וואָלט געווען אַ בעלעטריסטיש

ווערק און מיט אַ פּיִעטעט ווי סע וואָלט געווען אַ ספֿר. אַזאַ באַציונג וועט זיך מוזן אָפּרופֿן אויפֿן אינטעליגענטן ייִדישן שפּראַכבאַניץ. דאָס זענען דאָך די ייִדיש-לייענערס, -שרײַבערס, -רעדאַקטאָרן און -פֿאָרשערס פֿון מאָרגן. סע קען ניט געמאָלט זײַן, אַז די השפּעה, וואָס זי זעט זיך שוין איצטער, זאָל זיך ניט שטאַרקן מערער און מערער אין די קומענדיקע יאָרן און דורות. אַוודאי וועט זיך ניט איטלעכער פּרט אָננעמען -- ס'איז דאָך ניט משיחס צײַטן -- אָבער דער גרויסער רובֿ חידושים, וואָס הײַנט פֿרייט מען זיך מיט זיי אָדער מע קריטיקירט זיי גאָר, וועלן אין אַ דור אַרום זײַן אַזוינע אינטעגראַלע, פֿאַרפֿונדעוועטע טיילן פֿון מאַמע-לשון ווי די אַמאָליקע חידושים *פֿאָרזיצער*, *צוזאַמענפֿאָר*, *שטודיר-גרופּע* און *קאָאָרדיניר-קאָמיטעט* זענען הײַנט. דאָס *מאָדערן ענגליש-ייִדיש ייִדיש-ענגליש ייִדיש ווערטערבוך* האָט אונדז אויסגעלייגט אַ ברייטן, גלאַטיקן, שיינעם שטראָז צום ייִדיש פֿון מאָרגן.

וואָלף יונין איז גערעכט: ״ס'איז דאָס ווערק פֿון האַלבן יאָרהונדערט.״(38)

## הערות

1. וואָלטן מיר געהאַט אויסגעאַרבעט אָביעקטיוו אָנווענדלעכע וואָג-און-מאָסן, וואָלט אַ שטייגער ניט מעגלעך געווען צו קוואַליפֿיצירן די פֿאָרמע *לעם* 'על-ידי', וואָס מע געפֿינט זיי בײַ מאַרקישן און בײַ סוצקעווערן, בײַ קאַדיע מאָלאָדאָווסקין און בײַ קעהאָס קליגערן, בײַ אברהם זאַקן און בײַ משה גורינען, בײַ מ״דן און בײַ יאַכינסאָנען, בײַ איציק קיפּניסן און יוסף רובינשטיינען ווי -- דיִאַלעקטיש. אויב דאָס איז נאָך דיִאַלעקטיש, איז וויפֿל שרײַבערס דאַרפֿן ניצן אַ פֿאָרמע זי זאָל זײַן כּלל-ייִדיש?

2. זען ״אַ וואָרט פֿריִער פֿונעם רעדאַקטאָר,״ נ. סטוטשקאָוו, *דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך*, ניו יאָרק, 1950, ז' XIV.

3. ״א וואָרט פֿריִער,״ *אוווב*, זײַט ט(9).

4. אינעם מאָלדעווער ייִדיש: *קאָקאָשערעס*.

5. בײַ נח פּרילוצקי (אַ שטייגער אין זײַן *געווער*), ח. גינינגער, מ. שעכטער.

6.סטאַנדאַרדיזירט אָט די שרײַבונג האָט דער *ייִדישער אָרטאָגראַפֿישער װעגװײַזער*. ביז יעמאָלט האָט געװעלטיקט די שרײַבונג *פֿאַראיקען זיך*.

7.על-פּי טעות פֿאַרעכנט פֿון אי. שטײנבוימען (אין זײַן רעצענזיע אויף *אװוב* אין *צוקונפֿט*, אָקט. 1968, זײַט 471) װי אַ נײַװאָרט.

8.די שרײַבונג *טאַבאַק*, *סיניאַק*, *קולאַק* און דער אַרויסרעד מיטן אַקצענט אויפֿן צװײטן װאָקאַל איז פֿאַר דרום-ייִדיש רעדערס ניט אַזױ װײַט ליטװיש-ייִדיש װי אַ רוסיציזם.

9.ע״פּ טעות פֿאַרעכנט פֿון װאָלף יונינען (*טאָג-מאָרגן-זשורנאַל*, אָקט. 20, 1968) פֿאַר אַ נעאָלאָגיזם. דער עלטסטער ציטאַט אין מײַן רשות איז פֿון פֿרידריכס ביכעלע אונטעריכט.... פֿונעם יאָר 1784. אַ שפּעטערדיקער: *יודישעס פֿאָלקסבלאַט*, סט. פּעטערסבורג, אַפּריל 11, 1883. שפּ. 197. געניצט דאָס װאָרט *פּרװול* האָט נאָך אַ.-ב. גאָטלאָבער -- פֿון די פֿרײַיִקסטע השׂכּלה-שרײַבערס. אין 20סטן יאָרהונדערט: נויעך פּרילוצקי, י. באַשעװיס, מרדכי שעכטער.

10. מיר זענען אײַנגעװײנט צו שרײַבן עטימאָלאָגיש *זיבן-בערגן*. ניטאָ קײן שום באַרעכטיקונג דערפֿאַר.

*11..* *באַן-אַקצידענט*, למשל *אידישע ציטונג*, בוענאָס-אײַרעס, סעפּט. 21, 1965.

*12.* *טראַפֿיק*, למשל *אידישע צײַטונג*, בוענאָס-אײַרעס, סעפּט. 8, 1965.

13. אַ װאָרט װאָס אָט נעכטן איז עס נאָך געװען זײער פּאָפּולאַר: מענדל לעפֿין-סאַטענעװער, ש. עטינגער, אליִעזר צװײפֿעל, צונזער, מענדעלע מוכר-ספֿרים, לינעצקי, שלום-עליכם, שאַרקאַנסקי, מאָריס ראָזענפֿעלד.

14.ליפֿשיץ, עטינגער, ענטין, נ. פּרילוצקי, אָפּאַטאָשו, האַרקאַװי, סטוטשקאָװ.

*15.* *ייִדישע שפּראַך*, ניו יאָרק, באַנד XVI (אָקט/דעצ. 1958), 110.

16. למשל אין שו״ת הש״ל, לובלין, שנ״ט -1599 (לויט נ. שטיף, אין *אויפֿן שפּראַכפֿראָנט*, קיִעװ, 1932, זײַט 33).

17. אַ שטײגער אין *מגילות װינץ* (לויטן איבערדרוק אין מ. װײַנרײַכס *שטאַפּלען*, זײַטן 180, 181, 182, 186, 187).

18. דאָס וואָרט לעבט נאָך ערטערווײַז אין די ייִדישע דיִאַלעקטן, ווי מ. ווײַנרײַך האָט מהדר געווען נאָך מיט קנאַפּע 30 יאָר צוריק -- *ייִדישע שפּראַך* , ניו יאָרק, באַנד 1 (1941), 20 -- און ווי דער ייִדישער שפּראַך- און קולטור-אַטלאַס האָט שפּעטער באַשטעטיקט.

19. אַ שאָד וואָס דער טײַטש 'עלטער לערן-ייִנגל' איז אין *אוווב* ניט פֿאַרצייכנט.

20. נאָך בײַ אי. אַקסנפֿעלדן, בײַ אליקום צונזערן און אַנדערע.

21. באַנײַט ווי פּסיכאָלאָגישע טערמינען פֿון דר. מ. ווײַנרײַכן.

22. אין דער פּאָעזיע באַנײַט פֿון סוצקעווערן. פֿירגעלייגט די באַנײַונג האָט מ. ווײַנרײַך אין *פֿילאָלאָגישע שריפֿטן* 1 (1926), 50.

23. איינס פֿון די באַליבסטע ווערטער אינעם שרײַב-לשון פֿון 19טן יאָר הונדערט, מע לאָזט זיך גרינג ברענגען צענדלינגער אויפֿווײַזן.

24. געניצט פֿון פּרילוצקין, מ. ווײַנרײַכן, סוצקעווערן.

25. אין 20סטן יאָרהונדערט איז דער אויסדריק נאָך געווען לעבעדיק אין קורלאַנד (פֿאַרגלײַך מ. ווײַנרײַכס *שטאַפּלען* 233).

26. מיטן טײַטש 'וווּנדערלעך, זייער גוראָטן' איינס פֿון די פּאָפּולערסטע ווערטער אינעם ייִדיש פֿון 19טן יאָרהונדערט: עטינגער, צווייפֿעל, צונזער, *טייאַטאָר פֿון חסידים* , שלום-עליכם, שאַרקאַנסקי, מאַקמאַן, רייגאָלד. אינעם פֿאָלקס-לשון ערטערווײַז לעבעדיק עד-היום. *אוווב* ברענגט עס אָבער ווי אַ סינאָניזם צו *קונציק* (בהסכם מיט ליפֿשיצעס אָפּטײַטש).

27. פֿאַרגלײַך די אַרבעטן פֿון אי. מאַרק און מ. שעכטער אין *מ. ווײַנרײַכן צו זײַן זיבעציקסטן געבוירן-טאָג*, האַג, 1964; ווי אויך מ. שעכטערס "מ. ווײַנראַכס צושטײַער צום אויסוואַקס פֿון ייִדיש," *די גאָלדענע קייט*, תּל-אָבֿיבֿ, באַנד 50 (1964).

28. למשל *נײַע פּרעסע*, פּאַריז, אָקט. 29, 1965.

29. *פֿאָלקסשטימע*, וואַרשע, יאַנואַר 5, 1967: עסקאַלאַציע.

30. צווישן אַנדערע: *אידישע צײַטונג*, בוענאָס-אײַרעס, מערץ 19, 1964; *לעצטע נײַעס*, תּל-אָבֿיבֿ, סעפּט. 17, 1965. אַזוי אויך די ניו-יאָרקער צײַטונגען, *דער קענעדער אָדלער* אאַז״וו.

31. דר. שלמה בירנבוים. *ייִדיש ווערטער-ביכל פֿון אויסלייג...*, לאָדזש, תּרצ״ב (1932), 54 זז׳.

32. אַ שטייגער *געזעץ-קאָדעקס וועגן פֿאַמיליע, אַפּאָטראָפּעס, הייראַט און וועגן אַקטן פֿון בירגערלעכן שטאַנד*, מאָסקווע-כאַרקאָוו-מינסק, אָ״ד, 108 זײַטן.

*33. ייִדיש פֿאָר אַלע* (1938), 197.

34. פֿאַרגלײַך מ. שעכטער, "אַ ביסל קאָסמאָס-טערמינאַלאָגיע," *אויפֿן שוועל*, יולי-אויג׳ 1966.

35.פ״גל אַ. גאָלאָמב, *ייִדישע שפּראַך XVIII* (1958), 94.

36. פ״גל *אינזיך*, יוני 1937.

*37.ידיעות פֿון ייִוואָ*, ניו-יאָרק, 107 (סעפּט. 1968), 5.

38. פֿאַרגלײַך וואָלף יונין, "שפּראַכווינקל," *טאָג-מאָרגן-זשורנאַל*, נ. 3, 1968.

קאנטראלירט 5.3.2000 פון ל.פ.